# מיט א טיפערן בליק
# פרשת מטות מסעי תשפ"ב
# הייב זיך אויף און גיי ווייטער!

בס"ד

א גוטן טייערע חבירים וידידים..!

מיר האלטן בעזהשי"ת ביי פרשת מטות מסעי וואו מיר דערנענטערן זיך צו די סיום פון ספר במדבר, מיר האלטן שוין אט אט ביים חזק חזק ונתחזק. איז כדאי צו כאפן א בליק אריין אין די 'מַסְעוֹת' וואס די תורה רעכנט אויס אין פרשת מסעי, א סך הכל אין קורצן פון אלע פערציג יאר וואס אונזערע עלטערן האבן געוואַנדערט אין מדבר.

קודם כל קען מען מדייק זיין, פארוואס טאקע רופט עס אָן די תורה הקדושה מיט די ווערטער "אֵלֶּה **מַסְעֵי** בְנֵי יִשְׂרָאֵל" און רעדט טאקע בלויז פון די נסיעות פון איין פלאץ צום אנדערן, לכאורה וואלט מען ענדערש געדארפט רעדן פון די 'חֲנָיוֹת' וואו די אידן האבן גערוהט. אין זייער אסאך פון די פלעצער וואו מען האט גערוהט, האבן די אידן געוויילט פאר לאנגע יארן, דארט האבן זיי געוואוינט, דארט האבן זיי געלעבט; דאגעגן די מסעות אינצווישן זענען געווען נאר א קורצע אריבערגאנג אנצוקומען פון איין פלאץ צום אנדערן, אויב אזוי פארוואס מאכט מען אזא עסק פון די מַסְעֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, און נישט פון **חֲנָיוֹת** בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.

אבער וואס וואונדערט נאך אסאך מער, ווען מיר לערנען אפ די פסוקים וואס דער בעל קורא ליינט שבת מיט אזא נעימות'דיגן ניגון, "וַיִּסְעוּ... מֵרַעְמְסֵס וַיַּחֲנוּ בְּסֻכֹּת, וַיִּסְעוּ מִסֻּכֹּת וַיַּחֲנוּ בְאֵתָם... וַיִּסְעוּ מֵאֵתָם", שטעלט זיך די תורה כמעט נישט אפ צו דערציילן וואס עס האט פאסירט ביי די אלע פלעצער, נאר די מסעות ווערן דערמאנט בקיצור נמרץ פון וואו מען איז געקומען און צו וואו מען איז געגאנגען. אויסער פיר נקודות וואס די תורה האט יא אויסגעוועלט און זיך אפגעשטעלט זיי צו דערמאנען, און די פיר זענען ווי פאלגענד:

וַיִּסְעוּ מֵרַעְמְסֵס וגו' בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן מִמָּחֳרַת הַפֶּסַח יָצְאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל בְּיָד רָמָה לְעֵינֵי כָּל מִצְרָיִם, וּמִצְרַיִם מְקַבְּרִים אֵת אֲשֶׁר הִכָּה ה' בָּהֶם כָּל בְּכוֹר וּבֵאלֹהֵיהֶם עָשָׂה ה' שְׁפָטִים. די ערשטע נסיעה האט זיך אנגעהויבן פון רעמסס בשעת יציאת מצרים, ווען דער אייבישטער האט געשטראפט די מצריים, באלד נאך מכת בכורות האבן די אידן זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג.

דערנאך אין פסוק י"ד, וַיַּחֲנוּ בִּרְפִידִם וְלֹא הָיָה שָׁם מַיִם לָעָם לִשְׁתּוֹת, אז אין רפידים איז נישט געווען קיין וואסער צו טרינקן.

און דערנאך פון פסוק ל"ז און ווייטער, ווען די אידן זענען אנגעקומען צו הֹר הָהָר, דערציילט אונז די תורה וועגן די פטירה פון אהרן הכהן וואס איז דארט נפטר געווארן ראש חודש אב. און די תורה איז ווייטער ממשיך צו דערציילן וואס עס האט פאסירט נאכדעם, וַיִּשְׁמַע הַכְּנַעֲנִי מֶלֶךְ עֲרָד וגו' בְּבֹא בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, אז די כנעניים זענען געקומען מלחמה האלטן מיט די אידן.

וואס לכאורה ווערט תיכף שווער, דאס איז די גאנצע וואס די תורה האט אויסגעקליבן צו דערציילן? פון די אלע גרויסע זאכן און געשעענישן אין מדבר, פון די אלע הייליגע און טייערע מתנות וואס מיר האבן זוכה געווען צו זיי, קריעת ים סוף, שבת, קבלת התורה, די מן, די ענני הכבוד, די משכן, פון דאס אלעס ווערט נישט דערמאנט קיין זֵכר. און אפילו נישט פון די נישט-גוטע פאסירונגען אין מדבר ווי די חטא העגל, מתאוננים, מרגלים, קרח, און נאך. וואס איז פשט אז בלויז די געציילטע זאכן פון צווישן אלע צוויי און פערציג מסעות, דאס האט די תורה געשריבן פאר אונז, וואס געוויס ליגט אין דעם א לימוד און א מוסר לדורות וואס מיר מוזן ארויסנעמען פון דא.

נאר ווי מיר האבן בעזהשי"ת געשמועסט פאריגע וואך ביים שיעור א גאר וויכטיגע און שטארקע יסוד, וואס דאס וועט פארענטפערן אויך דער ענין. ווי מיר האבן דערמאנט, ווען מען שיקט א נסיון פון הימל פאר א איד, איז דא פיר סארטן אפציעס, פיר מעגליכקייטן וויאזוי די זאך קען זיך אויסשפילן.

1) אמאל איז דא איינער וואס פאלט אדורך ח"ו, פארפאלן, וואס זאל מען טוען? עס איז געווען שווער, ס'איז געווען א נסיון און דער מענטש האט נישט געהאט די ריכטיגע כוחות הנפש זיך צו פארמעסטן, ער האט נישט באוויזן זיך צו שטארקן, און אזוי האט ער נעבעך געהאט א ירידה און נישט בייגעשטאנען דעם נסיון.

2) אמאל איז דא איינער וואס האט 'אדורכגעשוויצט' דעם נסיון, ער האט זיך טאקע נישט געשטאַרקט, נישט לוחם געווען, און ער ווייסט אליינס נישט פונקטליך וויאזוי, אבער די מציאות איז אז ער איז אנגעקומען נאכן נסיון אָן אדורכפאלן, אזוויי איינער וואס האט זיך דערטראנקן אין א טייך, ער קען נישט שווימען, ער ווייסט נישט וואס וואו און ווען, אבער למעשה איז ער ב"ה אנגעקומען צו די אנדערע זייט און ארויס פון וואסער.

3) עס איז דא איינער וואס איז אין אביסל א העכערע מדריגה, ער האט זוכה געווען מלחמה צו האלטן, צו ארבעטן און באקעמפן דעם נסיון, און ער איז אפילו אביסל געשטיגן דערפון, ער האט זיך דערהויבן און געטוהן וואס מען דארף. ער איז נישט געבליבן דער זעלבער ווי פריער, ער האט געמאכט פאַרשריט און זיך באמת אביסל דערהויבן און געוואקסן פון זיין אדורכגאנג.

4) אבער ועל כולם, די חשוב'סטע און גרעסטע מדריגה איז דא, ווען א מענטש האט גענומען דעם נסיון און עס פארוואנדלט אין א נייע אויפטוה, ער האט געפונען אין דעם א געלעגנהייט עפעס אויפצוטוהן אויף די וועלט, צו שטייגן גאר ווייט און הויעך, צו קענען העלפן אנדערע אין אזא מצב וכדומה. ווי מיר אלע וויסן פון פארשידענע אזעלכע פעלער וואו מענטשן האבן מיטגעמאכט א געוויסע צרה, א פראבלעם, א שעת הדחק ל"ע, און דאס האט זיי געעפנט די אויגן צו געבן א שפרינג אריין און עפענען א ארגעניזאציע, עפענען א מוסד, א חסד קאמפיין, צו העלפן און באלייכטן דעם וועג פאר אנדערע. וואס באמת כמעט יעדע דבר טוב וואס מיר האבן היינט אויף די וועלט קומט פון אזעלכע סארט מצבים, פון מענטשן וואס האבן דאס אליינס מיטגעמאכט און זענען אדורכגעגאנגען שוועריגקייטן, און זיי האבן געהאט די שכל און די קוראזש דאס צו נוצן אויף צו ברענגען א ישועה און א ליכטיגקייט פאר זיך און פאר אנדערע.

און די פיר זאכן דארפן מיר זיך כסדר איינ'חַזרן און האלטן אפן פאר די אויגן, אז ווען ס'קומט חלילה א שעת נסיון, ווען דער מענטש גייט אדורך א געוויסע שוועריגקייט, זאל ער דאס קענען אידענטיפיצירן און וויסן אז ס'איז א נסיון, און געדענקן אז ס'איז דא א מעגליכקייט צו וואקסן גאר גרויס פון אט דעם נסיון, דווקא דא מתוך די גרויסע צער און עגמת נפש, קען זיין אז דא וועט ער קענען מאכן א איבערקערעניש, ער קען שטייגן אזוי הויעך און אויפטוהן גדולות ונצורות.

און ווי מיר האבן געגעבן א זיסע רמז צו קענען געדענקן אט די פיר סארטן זאכן וואס קענען געשען למעשה פון א נסיון, איז ווען מיר צונעמען די ווארט 'נסיון' זעלבסט, וועלכע באשטייט פון פיר הויפט אותיות נ' ס' י' ן' (די ו' איז בלויז א נקודה, די חולם פונעם י' און ווערט נישט ארויסגעזאגט פון מויל אלס אייגענע אות) די **נ'** איז מרמז אויף **נ**'פילה ווי עס שטייט אין חז"ל, עס ווייזט אויף א דורכפאל, ווען א מענטש פאלט אראפ און האט גאר א ירידה דורך זיין נסיון. די **ס'** איז א רונדעביגע אות, א אות וואס פירט נישט אין ערגעץ, נאר ווי יעדע רינג וואס גייט ארום און ארום און מ'קומט אָן צו די זעלבע פלאץ וואו מ'איז פריער געווען, דאס איז דער מענטש וואס קומט ארויס נאכן נסיון די זעלבע ווי ער איז געווען ביים אנהייב, ער איז נישט געשטיגן און נישט געפאלן. די אות **י'** איז א קליינע אות, עס ווייזט אויף אביסל פאָרשריט, דער מענטש איז געשטיגן אביסל, ער האט אדורכגעמאכט דעם נסיון און אפילו באוויזן צו ווערן מער דערהויבן און העכער ווי ביז יעצט. אבער די לעצטע אות, דער **ענדע נון** דאס איז א הויכע לאנגע שטאנג וואס שטייט פעלזן פעסט, העכער ווי אלע אנדערע אותיות, עס ווייזט אויף דער וואס האט זוכה געווען, אז נישט נאר ער איז בייגעשטאנען דעם נסיון, נאר ער האט געמאכט פון דעם א טורעם, א גרויסע בנין, א אימפעריע, און ער האט מחדש געווען נייע אורות וואס ער וואלט קיינמאל נישט זוכה געווען צו זיי ווען נישט די טונקעלע און שווערע מצב וואס ער איז אריבערגעגאנגען.

און טאקע דערפאר איז וויכטיג אז מיר זאלן דאס האלטן פאר די אויגן, און וויסן אז צומאל גיבט מען אונז פון הימל א מתנה, **די מתנה פון 'געלעגנהייט'** עס איז די ריכטיגע זמן, די שעת הכושר, ווען מיר קענען מאכן דעם ריכטיגן טויש, דעם גרויסן שפרינג, וואס אגב, נישט אלעמאל מוז עס זיין א וועלטליכע ארגעניזאציע וואס איז פארשפרייט אין די גאנצע שטאט. **אמאל מיינט עס אונזער אייגענע ענדע-נון, אונזער אייגענע גרויסע שינוי לטובה און התחדשות זיך צו טוישן און צו ווערן בעסער, וואס קומט צו אונז דורך א געוויסע נסיון, דורך א געוויסע שוועריגקייט, דורך א געוויסע אומבאקוועמליכקייט, אבער אויב מיר ווייסן פון פריער אז מ'דארף ארויסקוקן און זוכן די געלעגנהייטן, אויב מיר זענען צוגעוואוינט אלעמאל צו טראכטן און קלערן אז אפשר יעצט קען זיין די גוטע מינוט, אז מ'לעבט מיט די הכנה און ידיעה פון פריער, דאס העלפט אז מיר זאלן בעזר ה' קענען געפונען די כוחות און די שטארקייט זיך צו נעמען אין די הענט אריין און נישט פארפאסן די געלעגנהייט וואס קומט אונזער וועג.**

עס איז מיר אויסגעקומען לעצטנס צו כאפן א שמועס מיט א יונגערמאן וואס האט זיך אוועקגעצויגן פון זיין היימשטאט צו א נייע געגנט, און דער יונגערמאן איז גאר שטארק געשטיגן, ער איז ממש נישט צום דערקענען, זיין ערליכקייט און איידלקייט, ער מאכט א רושם ממש פון א נייע מענטש. אזוי רעדנדיג האב איך איהם געפרעגט, אויב דאס אלעס האט די 'מופן' אויפגעטוהן. זאגט ער מיר ניין, די טויש איז נישט געשען ביים מופן, נאר דעמאלטס איז פשוט געווען א געלעגנהייט, א שעת הכושר, אויסצופירן די אלע ענדערונגען און זאכן וואס איך האב געוואלט מאכן אין מיר שוין א לאנגע צייט, נאר איך האב קיינמאל נישט מצליח געווען. די אלע רצונות און שאיפות האבן געלעבט אינעווייניג און מיר, איך האב געוואוסט אז איך דארף מיך טוישן, און אז איך וויל מיך טוישן, עס איז נאר נישט געווען די פאסיגע 'געלעגנהייט' און צייט ווען עס זאל ארויסקומען מן הכוח אל הפועל, ווען עס גייט אריינגיין אין קראפט און געשען אויף למעשה. אבער ווען איך האב זיך אוועקגעצויגן אין א נייע געגנט, האב איך זוכה געווען צו אנערקענען אז יעצט איז די צייט! יעצט ווען איך דארף אלעס אנהייבן פון פריש, נייע שכנים, נייע מוסדות, א נייע בית המדרש, א נייע סביבה, האב איך געוואוסט אז דאס איז די פאסיגסטע געלעגנהייט זיך צו נעמען אין די הענט אריין און איינמאל פאר אלעמאל מאכן די וויכטיגע ענדערונגען אויף וואס איך ווַארט און איך האף שוין אזוי לאנג.

דאס איז נאר א קליינע דוגמא, וויאזוי א מענטש קען ריכטיג אוסנוצן א געלעגנהייט, ס'איז איהם אונטערגעקומען א הזדמנות, א מעגליכקייט, הגם ס'איז טאקע נישט געווען גרינג; ווען א מענטש גייט אריבער וואוינען אין א נייע פלאץ מאכט ער מיט דעם כל ההתחלות קשות, אלעס איז פרעמד און אומבאקאנט, ער איז אומזיכער מיט זיך, עס פעלט איהם פון זיין געוועגליכע מוט און שטארקייט, אבער אויב ער האט די ריכטיגע שכל און פארשטאנד, קען ער דאס נוצן צו מאכן זיין אייגענע 'ענדע-נון' און לייטער ארויפצוקריכן גאר הויעך.

און דאס איז נאך פון די גרינגערע נסיונות, אבער אמאל איז דא ווען א מענטש פאלט אריין פלוצלינג אין א שווערע פלאָנטער, אזוי אומגעראכטן און אומערווארטעט, ער פילט ווי די גאנצע וועלט פאלט צוזאם אויף איהם, ער מאכט חלילה מיט אין זיין פרנסה, מיט א קינד, מיט געזונט, אדער סיי וועלכע צרה שלא תבוא, א זאך וואס ער האט בכלל נישט 'באשטעלט' און נישט געהאט אין פלאן אז ס'זאל איהם באפאלן, ער שפירט ווי ער איז ארומגענומען מיט א וואלקן פון טרויער און טונקלקייט און ער זעהט נישט קיין וועג ארויס, עס איז א גרויסע ביטערע און שווערע נסיון.

אנדערש ווי אין אנדערע מצבים אין לעבן ווען עס הערשט קלאָרקייט און א לעבטיגקייט ביים מענטש, אלעס איז אפן און פארשטענדליך פאר איהם. למשל, ווען ס'גייט איהם גוט, ווען ער האט נחת, ווען ער איז דערהויבן, דעמאלטס ווייסט ער דאָך אז ס'איז גוט, און קיינער דארף איהם נישט מסביר זיין. די זעלבע איז אויך פארקערט, ווען א מענטש זינדיגט ח"ו, ער פאלט אדורך ברוחניות, איז ער למעשה אבער אויך קלאר, ער ווייסט פונקטליך אז ער געפונט זיך אויף א נישט-גוטן פלאץ, ער ווייסט אז ער דארף זיך אסאך פארבעסערן, ער האט ארויס זיינע שוואכקייטן, און ער ווייסט וואס דער אייבישטער פאָדערט פון איהם. אבער ווען עס קומט צו א 'נסיון' אין לעבן, א צרה אדער א פראבלעם אין וואס מ'איז פלוצלינג אריינגעפאלן, דארט איז אלעס חושך ענן וערפל, עס איז פארנעפלט, און ער פילט ווי ער טאפט א וואנט, עס איז אזא מין הרגש פון פארלוירנקייט און צומישטקייט ער ווייסט נישט וואס דער אייבישטער וויל פון איהם, וואס איז דער פלאן, וואס האט ער יעצט צו טוהן?, מען דארף דאָך אזויפיל סייעתא דשמיא צו וויסן און

פארשטיין בכלל אז יעצט איז א 'שעת נסיון' דער אייבישטער פרואווט מיך, און ער וויל איך זאל עס ביישטיין, ער וויל איך זאל זיך מחזק זיין, און ער גיבט מיר גאר א געלעגנהייט זיך אויפצוהייבן און שפרינגען גאר הויעך, ער וויל איך זאל ווערן געטויעשט, ער וויל אז איך זאל דא געפונען א געוויסע ליכטיגקייט וואס איך וועל קענען נוצן און פארשפרייטן ווייטער.

און אט דאס איז די סיבה פארוואס די רעכנט אויס דווקא די פיר אויבנדערמאנטע זאכן וואס האבן פאסירט דורכאויס די מ"ב מסעות. ווי עס מבואר אין אלע **ספרים הקדושים** פון די תלמידי הבעל שם טוב הקדוש זי"ע זענען די מסעות פון די אידן דעמאלטס מרמז אויף די מסעות וואס יעדער איינער גייט אדורך אין זיין לעבן, יעדער איד אין יעדן דור גייט אריבער זיינע אייגענע מ"ב מסעות און פארשידענע אדורכגענג און מצבים אין לעבן.

יעצט, אויף קבלת התורה, שבת, און די מן, אויף דעם דארף מען נישט זיין קיין מֵבין אז ס'איז גוט, יעדער איינער ווייסט און פארשטייט עס פון זיך אליינס, יעדער חדר יונגל קען די זאכן און מ'דארף עס איהם נישט דא דערמאנען. און אפילו נישט פון די נישט-גוטע זאכן אין מדבר ווען די אידן האבן זיך ליידער דערווייטערט פון השי"ת במזיד, צו ביים חטא העגל, אדער ביי די אנדערע געשעענישן ווי די מתאוננים, מרגלים, אדער קרח, דאס ווייסן מיר אויך פונקטליך אז עס האט נישט געטויגט, עס איז געווען ביטער, מיר זענען באשטראפט געווארן אויף דעם, און ס'איז פארבליבן א בכיה לדורות.

**אבער וואס די תורה הקדושה וויל יא אנכאפן און ווייזן וואס עס איז געווען א וויכטיגע טייל פון אונזערע מסעות, און בלייבט א טייל פון אונזערע לעבנס רייזע עד היום הזה; דאס זענען די שווערע נסיונות, די מצבים ווען א מענטש פאלט אריין אין א חשכות, אין א צומישעניש, ער ווייסט נישט וואס צו מאכן דערפון, ער ווייסט נישט וואס און פארוואס, און וויאזוי מ'גייט זיך ארויסדערזעהן פון די צרה.**

לאמיר זיך פארטיפן: די ערשטע זאך איז יציאת מצרים, מיר געדענקן נאך פון פרשת וארא ווי כלל ישראל איז געווען דערביטערט און דערשלאגן, מצרים איז געווען א פארמאכטע פלאץ פון וואו קיינער איז נאך קיינמאל נישט אנטלאפן, די אידן זענען געווען אינגאנצן מיואש, זיי האבן זיך געפונען אין צו א שווערע מצב אפילו צו קענען הערן זייער אייגענע גוטע בשורה אז זיי גייען ווערן אויסגעלייזט, "וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל משֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה", די אידן קענען נישט הערן, די אויערן און די הערצער זענען פארשטאָפּט, די נשמות זענען פארלאשן, ממש א מצב פון טונקלקייט און חשכות ווען מ'זעהט נישט דעם וועג ארויס. אבער דווקא דארט באווייזט זיך השי"ת און נאך צען מכות האט ער צובראכן די מצריים און ארויסגענומען די אידן בְּיָד רָמָה און זיי דערהויבן ביז צו קבלת התורה.

[אפילו ביים ים סוף ווען די אידן האבן מורא געהאט פון די מצריים, דאָך האבן זיי געהאט דעם דבר ה', דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ, זיי האבן געהאט די בהירות און קלארקייט וואס דער אייבישטער פארלאנגט פון זיי און וויל פון זיי, אויסער אין מצרים וואו זיי זענען געווען אינגאנצן פארלוירן און פארשטאפט אז זיי האבן גארנישט געקענט הערן].

די נעקסטע נסיון שפילט זיך אפ אין רְפִידִם וואו די אידן קומען אָן, וְלֹא הָיָה שָׁם מַיִם לָעָם לִשְׁתּוֹת, זיי האבן נישט קיין וואסער צו טרינקען, גארנישט, ניטאמאל קיין ביטערע וואסער אזויווי אין מרה, זיי שטייען אינגאנצן אליינס אין א הייסע מדבר, אבער ס'איז נישט דא קיין טראפעלע וואסער, די אידן זענען געווארן אזוי פארלוירן און צובראכן אז זיי האבן פשוט געפרעגט דארט "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן" ווי די תורה דערציילט דארט סוף פרשת בשלח, ווייל דאס איז געווען די ערשטע מאל זייט יציאת מצרים וואס זיי פילן זיך אזוי פארלאזט, עלנד, צובראכן און אָן קיין שום וועג ארויס פון זייער צרה. אבער דער אייבישטער ווייזט זיי אז אויך דאס איז געווען א נסיון, דער אייבישטער הייסט משה רבינו נעמען זיין שטעקן מיט וואס ער האט געמאכט די מכות אין מצרים, און ער הייסט איהם שלאגן דעם שטיין (אנדערש ווי ביי די מֵי מריבה) און ער ווייזט פאר כלל ישראל אז דער אייבישטער איז דא, דער אייבישטער מאכט פאר זיי נסים און ער באשאפט אפילו א 'יֵשׁ מֵאַיִן' און ער ברענגט זיי וואסער פון א הארטע שטיין.

און צום לעצט די פטירה פון אהרן הכהן אויפן הֹר הָהָר און וַיִּשְׁמַע הַכְּנַעֲנִי מֶלֶךְ עֲרָד, וואס רש"י ברענגט אז די צוויי זאכן זענען פארבינדן. די ענני הכבוד האבן אונז ארומגענומען די גאנצע צייט אין מדבר אין זכות פון אהרן הכהן, די אידן זענען געווען אפגעהיטן און באשיצט פון אלעם בייזן דורך די וואלקענעס וואס האבן זיי באדעקט פון אלע זייטן. ווי נאר אהרן הכהן איז נפטר געווארן, זענען די ענני הכבוד אוועקגעגאנגען, און פלוצלינג זענען די אידן געבליבן אויפגעדעקט, יעדער קען זיי זעהן, און די ארומיגע גויים האבן טאקע געפילט אז יעצט איז די גוטע צייט צו קומען מלחמה האלטן מיט די אידן, און זיי זענען געקומען צו לויפן. די אידן שפירן ווייטער אומבאהאלפן, כביכול ווי דער אייבישטער האט זיי ח"ו פארלאזט און געלאזט אויף הפקר.

נאך מער, אז מיר קוקן צוריק אין פרשת חוקת דארט דערציילט די תורה (כ"א א') וַיִּשְׁמַע הַכְּנַעֲנִי מֶלֶךְ עֲרָד ישֵׁב הַנֶּגֶב כִּי בָּא יִשְׂרָאֵל... וַיִּלָּחֶם בְּיִשְׂרָאֵל, אז די כנעניים זענען געקומען מלחמה האלטן מיט די אידן, און עס שטייט אז די אידן האבן מתפלל געווען און געמאכט א נדר, אִם נָתֹן תִּתֵּן אֶת הָעָם הַזֶּה בְּיָדִי וְהַחֲרַמְתִּי אֶת עָרֵיהֶם, אז די אידן וועלן איינעמען זייערע שטעט און מקדיש זיין אלעס פארן אייבישטער.

רש"י ברענגט פון חז"ל אז באמת זענען דאס נישט געווען די כנעניים, נאר דאס איז געווען עמלק וואס האט געוואוינט אין ארץ הנגב, נאר די עמלקים האבן מורא געהאט אז כלל ישראל וועט מתפלל זיין אז זיי זאלן האבן א מפלה, דעריבער האבן זיי זיך געקלוגט און זיי האבן גערעדט מיט די שפראך פון די כנעניים, כדי די אידן זאלן בעטן אז די 'כנעניים' זאלן האבן א מפלה, און וויבאלד זיי זענען דאָך נישט קיין כנעניים, ממילא וועט די תפלה גארנישט אויפטוהן קעגן זיי. למעשה האבן די אידן באמערקט אז די מענטשן וואס קומען גייען אנגעטוהן ווי די עמלקים אבער זיי רעדן ווי כנעניים, דעריבער האבן זיי נישט געוואוסט וויאזוי צו בעטן, זיי האבן נישט געוואוסט וועלכע פאלק דאס איז באמת, און דעריבער האבן זיי מתפלל געווען בלשון סתם, אִם נָתֹן תִּתֵּן אֶת 'הָעָם הַזֶּה' בְּיָדִי – אז דער אייבישטער זאל איבערגעבן 'דעם פאלק' נישט קיין חילוק ווער זיי זענען.

קומט אויס אז די אידן זענען געווען בשפל המצב, זיי האבן פארלוירן זייער באשיצונג פון די ענני הכבוד, די גויים קומען מלחמה האלטן, און זיי ווייסן

אפילו נישט מיט וועמען זיי האבן דא צו טוהן, זיי ווייסן נישט אויף וועמען מתפלל צו זיין. אבער דאס זענען שוין די אידן שטארק, זיי זענען געשטיגן און זיי האבן זיך שוין געלערנט פון די פריערדיגע נסיונות, זיי געבן נישט אויף, זיי זענען מתפלל צו השי"ת אִם נָתֹן תִּתֵּן אֶת הָעָם הַזֶּה בְּיָדִי, דער אייבישטער ווייסט ווער דאס איז, און ער וועט אונז שוין העלפן בכל אופן. די אידן מאכן א נדר, ווי חז"ל זאגן "נודרין בעת צרה" א מענטש דארף זיך מקבל זיין א גוטע קבלה, צוזאגן, זיך טוישן, און אזוי טוען זיי טאקע, און זיי ווערן געהאלפן, דער אייבישטער העלפט זיי אויך אין דעם מצב.

**וואס דאס איז דער לימוד לדורות וואס מיר מוזן געדענקן און מיטראגן מיט זיך אין יעדן מצב אין לעבן, מיר זענען אין א לעבן פיל מיט 'מַסָּעוֹת' וואס האבן זיך נסיונות און שוועריגקייטן, עס קומען צו גיין פארשידענע נסיונות ח"ו, אבער מיר דארפן געדענקן "אֵלֶּה מַסְעֵי בְנֵי יִשְׂרָאֵל", מסעות באדייט 'פאָרן', און די תורה רעדט דווקא פונעם חלק המסע און נישט פון די חניות, אונז צו לערנען אז פון יעדע מצב איז דא א וועג ארויס, פון יעדע נסיון קען מען זיך אויפהייבן, ווייטער גיין, און אפילו שטייגן הויעך.**

און בדרך רמז איז דאס אויך די קשר צווישן פרשת מטות און מסעי, ווייל טאקע די נדרים וואס ווערן דערמאנט אנהייב פרשת מטות, די "נודרין בעת צרה" און די גוטע קבלות און החלטות וואס א איד נעמט זיך פאָר אין א עת צרה, דאס וועט איהם העלפן פאָרן ווייטער, דאס וועט איהם באגלייטן אין זיינע מסעות צו ווערן געהאלפן פון זיינע נסיונות און פראבלעמען.

און מיר וועלן צוענדיגן מיט א שיינע מעשה. עס ווערט דערציילט אז אין די בראשית יארן אין אמעריקא ווען פילע אידן פון אייראפע זענען געקומען וואוינען דא אהער אין די גאלדענע מדינה, איז געווען א איד וואס האט געעפנט א קאמפעני צו פארדעצירן קענדיס און פארשידענע זיסווארג, און ער האט גאר שיין מצליח געווען, ביז ער איז געווארן א גרויסער עושר און א איש מצליח.

ויהי היום איינמאל ווען ער האט געדארפט אדורכפירן א גרויסע ביזנעס דיעל מיט א צווייטע קאמפעני, און ער האט זיך געטראפן מיט די וויכטיגע פאָרשטייער און הויפט פירערס פון די אנדערע קאמפעני, ווען זיי האבן איהם געבעטן אונטערצושרייבן דעם דאקמענט פון זייער אָפמאַך, האט ער דאס דערלאנגט פאר זיין לויער, אז ער זאל עס אונטערשרייבן אנשטאט איהם. ווען די אנוועזנדע האבן געוואלט וויסן פארוואס ער חתמ'עט נישט אליינס אלס בעל הבית, האט ער צו זייער גרויס וואונדער און שאק געזאגט אז ער קען פשוט נישט שרייבן זיין נאמען, ער קען נישט חתמ'ענען אויף ענגליש... פארשטייט זיך אז די מענטש האבן אנגעהויבן צו לאכן פון איהם און זיך אונטערהאלטן אויף זיין חשבון, אבער ער איז געווען גאנץ ערנסט, און זיי געזאגט **"לאכטס לאכטס, ווען איך וואלט געקענט אונטערשרייבן מיין נאמען וואלט איך היינט געווען א ארימע שמש אין בית המדרש"...**

ווייל מעשה שהיה כך היה, מיט יארן פריער ווען ער איז געווען א בלוטיגער ארימאן און א פריש געקומענער אימיגראנט אין אמעריקא, איז ער געגאנגען אויף א 'דזשאב אינטערוויו' ביים ראש הקהל פון א געוויסע בית המדרש, צו קענען זיין דער שמש אין שול און פארדינען די פאר סענט. ווען עס איז געקומען אונטערצושרייבן דעם קאנטראקט צווישן איהם און די קהילה, האט ער געזאגט אז ער קען נישט שרייבן זיין נאמען אויף ענגליש. דער ראש הקהל האט זיך צובייזערט און געזאגט אז זייער שול דארף נישט אזא שמש וואס קען נישט שרייבן זיין נאמען אויף ענגליש, און מיט דעם האט ער איהם אפגעזאגט פונעם דזשאב.

פארשטייט זיך אז דער איד איז ארויס פון דארטן בפחי נפש, צובראכן און ערשיטערט, דא פראבירט ער צו ברענגן פרנסה אין שטוב, ער איז געווען גרייט צו זיין א געטרייע שמש און טוהן אלעס וואס מ'וועט איהם הייסן, בלויז פאר די איינע נארישקייט אז ער קען נישט געבן קיין חתימה אויף ענגליש, פאר דעם האט ער פארלוירן זיין ערווארטעטע דזשאב. ער האט זיך ממש געגעסן דאס געזונט, אוי ווען איך וואלט נאר געקענט שרייבן אויף ענגליש וואלט איך יעצט געהאט ארבעט. ער האט געשפירט ווי עס איז די ערגסטע טאג אין זיין לעבן, ווי אלעס גייט צוגרינד צוליב זיין חסרון.

הכלל, ער האט אנגעטראפן א ידיד און זיך אויסגערעדט פאר איהם דאס הארץ אז ער האט נישט קיין פרנסה. יענער האט איהם מייעץ געווען צו עפענען א קענדי געשעפט וואס איז דעמאלטס געווען א גוט גייענדע ביזנעס אין אמעריקא. און כך הוה, ער האט זיך צוזאמגעבארגט אביסל געלט, און געעפנט א שטיקל געשעפט, און אזוי האט ער פארדינט פרוטה נאך פרוטה, ביז ער האט שטארק מצליח געווען און שיין פארדינט. מיט זיינע רווחים האט ער געעפנט נאך אזא געשעפט, און נאך איינס, ביז ער האט באשלאסן אריינצוגיין אין דעם פעלד און געעפנט א אייגענע קאמפעני פון נאש און זיסווארג, פון וואס ער איז געווארן א ריזיגער עושר.

האט ער דערמיט אויסגעפירט זיין ערציילונג צו זיינע שותפים אין ביזנעס, "נו, שטעלט אייך פאָר אויב איך וואלט יא געקענט חתמ'ענען מיין נאמען, דאן וואלט איך נאך היינט געווען א שמש, ווייל איך וואלט באקומען יענע ערשטע פאזיציע וואס איך האב אזוי געוואלט האבן, און איך וואלט קיינמאל נישט אנגעקומען דא אהער וואו איך האלט היינט"...

היוצא לנו, אפילו אין אזעלכע מצבים וואס מיר מיינען אז ס'איז דאס ערגסטע פאר אונז, אפילו ווען ס'איז כָּלוּ כל הקיצין, מ'זעהט נישט דעם וועג ארויס, אבער דער אייבישטער'ס הענט זענען נישט קליין, ער האט א פלאן און א מהלך, און ער קען אונז ארויסנעמען און העלפן אין יעדן מצב. מיר דארפן געדענקן אז ס'איז א נסיון, און אין א נסיון קען מען אדורכמאכן, און נישט סתם ארויסקומען די זעלבע פון די אנדערע זייט, נאר מ'קען גאר שטייגן הויעך און מצליח זיין, דער עיקר איז מען טאר זיך נישט לאזן פאלן, נאר מתפלל זיין, מקבל זיין גוטע קבלות, און וועלן אלעמאל ממשיך זיין און פאָרן ווייטער, אדורכפאָרן די מסעות און זיך שטארקן ביז צום גרויסן "חזק חזק ונתחזק" ווען השי"ת וועט אונז שטארקן ביי די גאולה שלימה במהרה בימינו.

לסיכום געדענק:

- פון א נסיון איז דא עטליכע וועגן ארויסצוקומען, די שענסטע איז אבער ווען מ'פארוואנדלט עס אין א לעבטיגקייט!
- אפילו ווען ס'איז נישט דא קיין קלארקייט, אלעס זעהט אויס טונקל און פארנעפלט, הייבט זיך א איד אויף און גייט ווייטער.

## א לעבטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק" דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com